**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט איבער 100,000 אקער פון פארמלאנד זענען געווארן באשיצט איבער ניו יארק סטעיט

***מילשטיין שטרייכט אונטער די סוקסעס און בויגזאמקייט פון ניו יארק'ס פארמלאנד באשיצונג פראגראם***

***מער ווי 107,000 אקער פון פארמלאנד אויף כמעט 370 פארמס באשיצט פון צוקונפטיגע אנטוויקלונג***

***עקזעקיוטיוו בודזשעט שלאגט פאר נאך $21 מיליאן פאר נעקסטע רונדע פונעם פראגראם***

דורכאויס ערד וואך, האט גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט האט דערגרייכט אן ערנסטע מילשטיין אין באשיצן ווערטפולע און איינגעשטעלטע פארמלאנד דורך איר פארמלאנד באשיצונג אימפלאנטאציע גרענט פראגראם ( FPIG - Farmland Protection Implementation Grant Program). ביז צו דעם יעצטיגן מאנאט, האט די FPIG פראגראם געהאלפן אפהיטן מער ווי 107,000 אקער פון ניו יארק פארמלאנד דורך פארענדיגטע קאנסערוואציע איזמענט ( conservation easement) פראיעקטן וואס קומען אויס צו מער ווי $25 מיליאן אויף כמעט 370 פארמס. די מילשטיין בויט אויף געזעצן וואס די גאווערנער האט אונטערגעשריבן לעצטע יאר וואס האט געשטעלט די ציל צו שטיצן און צוגעבן צו נאציאנאלע באמיאונגען צו קאנסערווירן כאטש 30 פראצענט פון U.S. לאנד און וואסער ביז 2030.

"שטיצן ניו יארק'ס פארמערס פאנגט זיך אן מיט באשיצן די פארמלאנד זיי נוצן צו פיטערן געמיינדעס דורכאויס דעם סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די ניו יארק פארמלאנד באשיצונג פראגראם, טוען מיר קאנסערווירן לאנד וואס וועט צושטעלן עסן זיכערהייט צו ניו יארקער היינט און שטארקן צוקונפטיגע דורות פון פארמער מארגן. מיין אדמיניסטראציע נעמט זיך פאר צו פארזעצן צו אדרעסירן די געברויכן פון ניו יארק פארמערס און פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטקייט פון אונזער אגריקולטורעל אינדאסטריע."

די מעלדונג וואס איז געמאכט געווארן היינט דורך סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשארד באל, צוזאמען מיט אגריקולטורישע שותפים און לאקאלע באאמטע אויף מאליגאן פארם, א פערדע-גענעראציע מילך פארם אין עיוואן, ליווינגסטאן קאונטי, און די ערשטע פארם צו נוצן די פארמלאנד באשיצונג פראגראם אין ליווינגסטאן קאונטי. די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס האט געשאנקן מאליגאן פארם $1.3 מיליאן אין 2008 און $1.5 מיליאן אין 2021 דורך די FPIG פראגראם, וועלכע האט פאראורזאכט זיבן קאנסערוואציע איזמענטס, באשיצנדיג א סך הכל פון 1,800-- אקערס פון לאנד אין עיוואן, ליווינגסטאן קאונטי און ראש, מאנראו קאונטי פון צוקונפטיגע אנטוויקלונג. די קאנסערוואציע איזמענטס זענען פארענדיגט געווארן מיט די הילף פון גענעסי טאל קאנסערוועסי. די מאליגאן פארם איז

געוועזן די ערשטע קאנסערוואציע איזמענט גענעסי טאל קאנסערוועסי פארענדיגט און איז אויך איינע פון איר מערסט לעצטיגע.

אין ליווינגסטאן, מאנראו, און וויאמינג קאונטיס אליין, זענען 18,750 אקער דורכאויס 19 פארמס געווארן באשיצט דורך די FPIG פראגראם אין גענעסי טאל קאנסערוואציע'ס שותפות. נאך 11,000 אקער פון באשיצטע לאנדווארט נאך. ביז יעצט, איז א סך הכל פון $55 מיליאן אין גרענטס פון די פראגראם געווארן אינוועסטירט אדער צוגעטיילט אין יענע געגנט.

**סטעיט אגריקולטור און מארקעטס קאמיסיאנער ריטשארד באל האט געזאגט,** "די סוקסעס פון מאליגאן פארם און די שותפות מיט די גענעסי טאל קאנסערווענסי איז בלויז איינס פון די פילע, פילע גוטע דערציילונגען מיר דארפן דערציילן ווען עס קומט צו אונזער פארמלאנד באשיצונג פראגראם. כמעט 370 פארמס דורכאויס די סטעיט טוען פארזעצן צו אפערירן, צוזושטעלן פרישע, געזונטע עסנווארג צו אונזערע געמיינדעס, און צוצוגעבן צו אונזער עקענאמיע, א דאנק די פראגראם'ס סוקסעס. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר האבן געטון, בשותפות מיט אונזער לאנד טראסטס און לאנד קאנסערוועסיס, צו דערגרייכן די ערנסטע מילשטיין און זענען גרייט צו דורכגיין די נעקסטע 100,000 אקער."

ביילייפיג 20 פראצענט פון די סטעיט'ס לאנד שטחים, אדער כמעט 7 מיליאן אקער, איז פארמלאנד. דער דעפארטמענט'ס פארמאלנד באשיצונג פראגראם שטעלט צו פינאנציעלע הילף צו קאונטיס, מיוניסיפאליטעטן, ערד און וואסער קאנסערוואציע דיסטריקטס, און לאנד טראסטס זיי צו ערמעגליכן אנהויבן פארמלאנד באשיצונג שריט אין איינקלאנג מיט לאקאלע אגריקולטורישע און פארמלאנד באשיצונג פלענער. דער מערסט-אפט-פינאנצירטע אקטיוויטעט איז דאס איינקויפן פון דעוועלאפמענט רעכטן אויף איינצעלנע פאַרמס. פונדעסטוועגן, טוט די פראגראם אויך שענקן געלט צו לאנד טראסטס און לאנד קאנסערוועסיס צו פארזיכערן אנדערע אויספירונג אקטיוויטעטן, אזוי ווי טוישונגען צו לאקאלע געזעצן וואס אפעקטירן אגריקולטור, אפציע באשטימונגען, און דעקן די טראנזאקציע קאסטן פון געשאנקענע אגריקולטורישע קאנסערוואציע איסמענטס.

אין די מערסט לעצטיגע רונדע פון די סטעיט'ס פארמלאנד באשיצונג פראגראם, רונדע 18, [געמאלדן דורך גאווערנער האקול](), זענען קריטישע טוישונגען געמאכט געווארן צו די פראגראם'ס בארעכטיגקייט און ציל. דאס איז די סאמע ערשטע מאל וואס פראיעקטן זענען אויסגעטיילט געווארן וועלכע שטיצן די סטעיט׳ס הויפט צילן, אריינגערעכנט עסנווארג זיכערקייט, קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייט און קוואל וואסער באשיצונג. ווי אויך, איז בארעכטיגקייט קריטעריע פאר'ן פראגראם געווארן אויסגעברייטעט צו אריינעמען די אגראפארעסטרי, עקווין, און וויין גרופעס, אפשפיגלנדיג ניו יארק'ס פארשידענע אגריקולטורישע אינדאסטריע. אין די פארגאנגנהייט, האט די סטעיט אנגעפאנגען די מילך איבערגאנג פארמלאנד באשיצונג איניציאטיוו צוצושטעלן מילך פארמס די געלעגנהייט צו טוישן זייער אפעראציעס אדער טוישן זייער פארם צו די נעקסטע גענעראציע ביי א מער צוגענגליכע קאסט בשעת פארזיכערן אז די לאנד בלייבט אייביג באנוצט פאר אגריקולטורישע צוועקן. ווי אויך, האט די סטעיט שפעטער אנגעפאנגען די פארם אפעראציעס אין איבערגאנג פארמלאנד באשיצונג איניציאטיוו צו צושטעלן אנדערע, ענליכע סארטן פון פארם אפעראציעס - יענע געפלאגט דורך טריעד פאליסיס אדער די אפעקטן פון קלימאט טויש - די זעלבע געלעגנהייט צו טוישן אדער איבערגעבן אייגנטום צו די קומענדיגע גענעראציע.

די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט טוט פארשלאגן צו פארזעצן פינאנצירן די פארמלאנד באשיצונג פראגראם ביי $21 מיליאן, דורך די ענוויירענמענטאל באשיצונג פאנד.

**סטעיט סענעטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "מיט די קלימאט קריזיס וואס טוישט די פנים פון אגריקולטור וויאזוי מיר ווייסן עס, איז וויכטיג אז ניו יארק זעצט פאר צו באשיצן לאקאלע פארמלאנד און

פארזיכערן א סטאבילע עסנווארג סאפליי פאר אונזער געגנט. די פארמלאנד באשיצונג איינפירונג גרענט פראגראם איז אן אויסגעצייכנטע אינוועסטמענט, און איך בין זייער פרייליך צו זען ניו יארק דערגרייכן די גרויסע מילשטיין אין באשיצן איינגעשטעלטע פארמלאנד. איך דאנק גאווערנער האקול, אגריקולטור און מארקעטס, און אלע פון אונזער לאקאלע שותפים דורכאויס ניו יארק סטעיט פאר'ן פריאריטיזירן פארמלאנד."

**אסעמבלימיטגליד דאנא לאפארדא האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארמלאנד באשיצונג פראגראם האלט אגריקולטורישע לאנד אין פראדוקציע און העלפט האלטן פארמער אויף די לאנד. די מילשטיין פון באשיצן איבער 100,000 אקער שטרייכט אויס די ווערט מיר לייגן אויף ניו יארק'ס אגריקולטורישע עקענאמיע. די באמיאונג שטיצט יעצט אנדערע הויפט ראלעס אזוי ווי עסנווארג זיכערהייט, קלימאט פארשטערקונג, און וואסער באשיצונג, אנערקענענדיג די וויכטיגע ראלע פארמער שפילן אין ענווייראנמענטעל אנפירונג."

**בענדזשעמין גאיאסקי, הויפט דירעקטאר, גענעסי טאל קאנסערוועסי, האט געזאגט,** "די סטעיט פארמלאנד באשיצונג איינפירונג גרענט פראגראם האט געמאכט מעגליך צו באשיצן עטליכע פון די בעסטע און מערסט פראדאקטיווע פארמלאנד אין די גענעסי טאל. דערגרייכנדיג 100,000 באשיצטע אקער איז א ריזיגע מילשטיין פאר ניו יארק סטעיט, אבער עס איז דא פיל מער וואס צו טון. עס זענען דא א גרויסע צאל פון דראונגען צו אונזער לאקאלע ערד; די פארמלאנד באשיצונג פראגראם געבט אונז א קעמפנדיגע געלעגנהייט צו פארזיכערן אז אונזערע געמיינדעס האבן צוטריט צו די פראדאקטיווע ערד נויטיג צו שטיצן לאקאלע פארמינג און עסנווארג פראדאקציע היינט און אין די צוקונפט."

**אמעריקאנער פארמלאנד טראסט ניו יארק פאליסי פארוואלטער, מיקאעלע פערי האט געזאגט,** "אמעריקאנער פארמלאנד טראסט פייערט ניו יארק'ס מילשטיין פון באשיצן איבער 100,000 אקער פון ניו יארק'ס פארמלאנד וואס מען קען נישט איינטוישן, איבער 50 פראצענט פון וועלכע איז נאציאנאל וויכטיג, אלץ א ריזיגע געווינס פאר אונזער סטעיט'ס אגריקולטורישע צוקונפט און פאר יעדער וואס האט הנאה פון לאקאלע עסן און פייבער, פארבעסערטע ערד, לופט און וואסער קוואליטעט, און שטארקע לאקאלע עקענאמיעס. מיר דאנקן גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור, די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, ניו יארק לאנד טראסטס און די פארמער וואס האבן גענומען די פאראנטווארטליכקייט צו באשיצן פארמלאנד פאר צוקונפטיגע דורות."

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט דוד פישער האט געזאגט,** "באשיצונג פון פארמלאנד איז קריטיש צו פארזיכערן די ווייטערדיגע ערפאלג פון פארמינג און עסננווארג זיכערהייט אין ניו יארק סטעיט. אונזער סטעיט'ס פארמלאנד באשיצונג פראגראם איז אויסערגעווענליך אין איר מיסיע און באשיצן 100,000 אקער פון פארמלאנד איז באמת אן ענווייראנמענטאל מילשטיין. איך קוק פאראויס צו זען נאך 100,000 אקער באשיצט אין די צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן